# שבת שירה

דער פראנצויזשער קייסער האט זיך זייער נישט גוט געפילט, מ'האט אפירגעברענגט די גרעסטע דאקטוירים פון די גאנצע וועלט. די געשולטע פראפעסארן האבן פראבירט אויפצוקומען מיט א רפואה פאר'ן קייסער, וויסנדיג אז דער וואס ברענגט זיין גענצליכער רפואה, וועט באלוינט ווערן מיט האלב פון דער אוצר המלך, אבער קיינער האט נישט מצליח געווען.

וואס א טאג שפעטער איז דער מצב געווארן ערגער און ערגער, און עס האט אויסגעזען ווי אט-אט און ס'איז שוין נישטא וועמען צו היילן... אט אין די אנגעצויגענע מינוטן איז אריינגעקומען אין פאלאץ א פשוט'ער דארפסמאן מיט א זעקל געווירצן, און ער בעט מ'זאל אים צולאזן צום קעניג'ס בעט. מתחילה האט מען אים געוואלט ארויסשליידערן בשם ועין. וואס קומט ער דא מיט בלעטער און געטראנקען, בשעת די וועלט-בארימטע דאקטוירים האבן שוין געהויבן הענט? אבער מ'האט שוין נישט געהאט וואס צו פארלירן, האט מען אים צוגעלאזט, און צו יעדענס וואונדער האט דער קעניג זיך אנגעהויבן ערהוילן, און וואס א טאג שפעטער איז דער קייסער געקומען מער און מער צו די כוחות, און ביז א קורצע צייט איז דער קייסער געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט.

די דאקטוירים און פראפעסארן האבן עס נישט אויסגעהאלטן. זיי, וואס האבן שטודירט אזויפיל יארן האבן גארנישט געקענט באוייזן,, און דער פשוט'ער דארפסמאן מיט זיינע פלעשער גייט באקומען האלב פון די קעניגליכע פארמעגן, בלויז מיט זיינע בלעטער און געווירצן.

בערך אזוי, שרייבט דער הייליגער "חרדים", איז ווען א איד זאגט שירת הים בשמחה, וואס חז"ל זאגן אז מ'איז אים מוחל אויף אלע זיינע עוונות פשעים וחטאים. עס קען זיך וואונדערן, וואס האט ער דען געטון אז עס קומט אים אזא גרויסן באלוינונג? עס זענען דא וואס פאסטן תעניתים און סיגופים אז מ'זאל זיי מוחל זיין די עבירות, און דער פשוט'ער איד, מיט'ן זאגן "אז ישיר" במתינות און בשמחה, און זיך אויס'משל'ן אז ער איז יעצט ביים ים סוף, ווערט ער אין צוויי מינוט ריין פון אלע זיינע זינד. אבער ס'איז פונקט ווי די בלעטער און געטראנקען וואס דער דארפסמאן ברענגט פאר'ן מלך, עס זעט אויס ווי א גארנישט, אבער אויב ס'איז עפעס וואס דער קעניג דארף האבן, ווערט מען באלוינט עד אין קצבה.

דער "חרדים" לייגט צו אז די זעלבע איז מיט'ן ענטפערן "אמן יהא שמיה רבה", וואס חז"ל זאגן אויף דעם אז מ'קען צערייסן אלע שווערע גזירות פון זיבעציג יאר, עס קוקט אויס ווי א קלייניקייט, וואס קאסט שוין צו זאגן הויעך "אמן יהא שמיה רבה"? אבער מ'קען מיט דעם באקומען מער שכר ווי אויף גאר גרויסע מצוות וואס מ'שטרענגט זיך אן אויף דעם בגוף ובמאוד.

* * *

בנוסח העולם ווען מ'וויל דערציילן אז איינער האט שנעל אפגעזאגט א דרוש אן קיין שום פשט און געפיל, ניצט מען דעם לשון: "ער האט אפגעדאווענט". כאילו דער מובן פון 'דאווענען' מיינט, סתם זאגן מיט'ן מויל. ס'איז א שטיקל וועלט'ס טעות!

זיך סתם שטעלן אויפ'ן פלאץ זאגן ווערטער, אפילו ס'איז מיט א נוסח און א קול, איז עס באמת זייער פיין, אבער ס'איז נאר דער התחלה פון תפילה, דער מענטש דארף צילן אנצוקומען צום תכלית און אויפוועקן זיין הארץ. דער אמת'ער מובן פון תפילה מיינט מיט כוונה און געפיל.

מיר זעען דא אין די פרשיות התורה, אז דער אמת'ער פשט פון דאווענען צום אייבערשטען איז מיט א געשריי. דער רבוש"ע זאגט: "וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל". די תורה דערציילט, "ותעל שועתם אל האלוקים". מיר זאגן יעדן אינדערפרי ביים דאווענען "ואת זעקתם שמעת על ים סוף".

אין געוויסע מקומות איז טאקע געווען דער מנהג צו שרייען בשעת'ן דאווענען, אין אנדערע מקומות איז נישט געווען דער מנהג אזוי. אבער כולי עלמא מודה, אז א דאווענען דארף קומען מיט א געשריי פון הארץ.

אין שו"ע הלכות תפילה ווערט געברענגט אז די חסידים הראשונים פלעגן צוקומען צו התפשטות הגשמיות בשעת'ן דאווענען. דער מחבר איז געווענליך נישט געוואוינט צו דערציילן סתם סיפורים פון די מדריגות פון די גדולי ישראל, זעהט אויס אז על פי הלכה פארלאנגט זיך אז דער צוגאנג צום דאווענען זאל זיין אויף אן אופן אנצוקומען צו דער מדריגה.

די זעלבע איז מיט די שבת'דיגע דאווענען, וואס איז מיוסד אויף שבח והודיה פאר'ן בורא כל עולמים. ס'זענען דא וואס שפירן זיך זייער גוט אז מ'קען פשוט אניאגן צו זאגן אלע ווערטער וואס שטייען אין סידור, און נאך כאפן דעם בעל תפלה פאר "ברכו". ס'איז באמת חשוב צו דאווענען בציבור. אבער דער עיקר 'עבודה' פון א שבת'דיגע פסוקי דזמרה איז, אז ס'זאל זיין 'עבודה שבלב' די הארץ זאל מיט-דאווענען און לויבן און דאנקן דעם אויבערשטן על כל החסדים והטובות, הנגלים והנסתרים, אז ווען עס קומט צו "נשמת כל חי", זאל די נשמה יתירה מיטזאגן בחיות ובהתלהבות דקדושה לקל אשר שבת מכל המעשים.

איינער פון די גדולים דערציילן: ארויסגייענדיג נאך איינער פון די שיעורים וואס כ'געב פאר אידן וואס וואס ווילן זיך דערנענטערן צום באשעפער, האט מיר א איד אפגעווארט, ער נעמט ארויס פון זיין טאשקע א סידור וואס געהער פאר זיין קינד, און דערציילט מיט גרויס התרגשות, כ'האב חתונה געהאט פופצן יאר צוריק, ס'איז דורך יארן און כ'בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קיינע קינדער, די דאקטוירים האבן מיר געזאגט אז על פי דרך הרפואה איז נישטא קיין האפענונג רחמנא ליצלן.

נאכ'ן הערן אז דאס איז אונזער גורל ליידער, האבן מיר עטליכע יאר צוריק אריינגענומען א קינד מגדל צו זיין. א יאר צוריק איז ער אריין אין כיתה א', נאך עטליכע חדשים איז געווען זיין "מסיבת סידור", מ'האט געטיילט סידורים פאר די קינדער. אהיימגייענדיג האב איך געזען ווי מיין שטיף-קינד איז זייער מרוגש, כ'האב אים געפרעגט וואס גייט פאר?... האט דער פינף יעריגער קינד געזאגט, יעצט אז כ'האב שוין א סידור, וועל איך בעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל מיר שוין געבן א ברודער... כ'גיי נישט אויפהערן בעטן: "רבונו של עולם האב רחמנות, כ'וויל א ברודער...".

ס'איז מיר געקומען טרערן פון די אויגן, דערציילט ער ווייטער, הערנדיג זיין תמימות'דיגע דיבורים. כ'האב ביטערליך רחמנות געהאט אויף אים, וויסנדיג אז בדרך הטבע איז נישט דא קיין האפענונג אויף זיינע זיסע שאיפות... און דא האט דער איד אויסגעפלאצט אין א געוויין:

די מעשה מיט'ן סידור איז געווען ניין חדשים צוריק, די וואך האב איך זוכה געווען צו ברענגען מיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, נאך פופצן יאר ווארטן!... דער קינד האט נישט געוואוסט וואס דער דאקטער האט געזאגט, האט ער מתפלל געווען מעומק הלב, און א תפילה וואס קומט פון א ריין אידיש הארץ, קען פועל'ן זאכן אפילו למעלה מדרך הטבע.

חז"ל האבן מתקן געווען אז מ'זאל זאגן "אז ישיר" יעדן צופרי, און מ'דערמאנט עס נאכאמאל פאר שמונה עשרה, און ביי מעריב א דריטע מאל, ווייל מיר דארפן דאס חזר'ן עטליכע מאל אין טאג, דער "שירת הים" איז נישט א נס פרטי וואס מ'לייענט פרשת בשלח, דאס איז א יסודות'דיגע נס אין וואס מיר דארפן זיך כסדר מתבונן זיין. און עס גוט אריינגעמען אין די ביינער.

ווען די אידן זענען געשטאנען ביים ים סוף האבן זיי נישט געזען קיין וועג ארויס, ס'איז תיכף געווארן פיר כיתות, יעדער האט געהאט אנדערע עצות, קיינעם איז אבער נישט איינגעפאלן אז דער ים וועט זיך שפאלטן.

טאקע דעמאלס ווען מ'זעט נישט קיין ישועה פאר די אויגן, דעמאלס דארף מען זיך מיט'ן גאנצן כח אנלענען אויפ'ן באשעפער!

שבת שירה בשעת'ן זאגן "אז ישיר", ברוב עם הדרת מלך קען מען זיך אנשעפן חיזוק אין אמונה און בטחון אפילו אויף זאכן וואס זעהן אויס שלא כדרך הטבע!

**שבת-שירה קומט יעדער צו "ברכות"!**

**בשעת אז ישיר וועט דער ביהמ"ד דינערן!!!**